## קאַפּיטל דריי

# די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה

ווי שוין דערמאָנט אין קאַפּיטל 2, איז די עקאָנאָמישע לאַגע פון „היינט" בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען שלעכט און זיין פּאָליטישע ליניע בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע איז נישט געווען פּאָפּולער.

צוליב דער מלחמה איז דער באַנפּאַרקער געווען באַגרענעצט און נישט זיכער, די פאַרבינדונג מיט די לייענערס באַשווערט, מ'האָט די צייטונג נישט געקענט ברענגען צו די לייענערס אפילו אין דער נאָענטסטער סביבה און דער איבער הונדערט טויזנטדיקער טיראַזש איז רעדוצירט געוואָרן כמעט בלויז צו די עקזעמפּלאַרן, וואָס מ'האָט פאַרקויפט אין וואַרשע אַליין. צו מאַרגנס נאָכן מלחמה־אויסברוך איז דער פאָרמאַט פון דער צייטונג פאַרקלענערט געוואָרן אויף 2 זייטן, אָבער דער פּרייז איז געהעכערט געוואָרן פון 2 אויף 3 קאָפּיקעס. קיין אַנאָנסן זיינען בכלל נישט געווען און ווען זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן, איז דאָס געווען אַ ברוכטייל דערפון, וואָס „היינט" האָט געהאַט פאַר דער מלחמה. ביז דעם 21סטן אָקטאָבער 1914 געפינט מען נישט אין „היינט" קיין טעאַטער־אַנאָנסן. דעם 22סטן אָקטאָבער, אין נומער 231, לייענען מיר אַן אַנאָנס, אַז אין קאַמינסקיס טעאַטער וועט געשפּילט ווערן אַ רוסישער טעאַטער „מיט פּאַטריאָטישע פאָרשטעלונגען. דער רעפּערטואַר וועט באַשטיין אויסשליסלעך פון פּיעסן, וואָס פּאַסן צו דער איצטיקער צייט".

דעם 18טן סעפּטעמבער 1914 האָט „היינט" ווידער גענומען דערשיינען אין 4 זייטן. די צייטונג איז געווען אָרעם אין אינהאַלט. די צאַרישע צענזור האָט דערלויבט צו דרוקן נאָר די אָפיציעלע מיליטערישע קאָמוניקאַטן און מאַטעריאַלן פון אָפיציעלע קוועלן, אָדער איבערדרוקן ידיעות, וואָס זיינען שוין געווען געדרוקט אין אַנדערע צייטונגען מיט דער הסכמה פון דער מיליטערישער צענזור. עס איז נישט געווען מעגלעך צו שרייבן וועגן די רדיפות, פּאָגראָמען און מאַסן־גירושים, וואָס זיינען אָראָפּגעפאַלן אויף די יידן אין דער מלחמה־זאָנע אין קאָנגרעס־פּוילן, דווקא אין די ערטער מיט אַ קאָנצענטרירטער יידישער באַפעלקערונג. די צאַרישע מאַכט האָט זיך נוקם געווען אויף די יידן פאַר די קאַטאַס־טראָפאַלע מפּלות אויף די פראָנטן. אין „היינט" האָט מען קוים געקענט געפינען אַ רמז אויף דעם. למשל, וועגן דעם גירוש פון די יידן פון דער שטאָט מאָגעלניצע ביי וואַרשע האָט „היינט" אין נומער 105 פון 23סטן מאַי 1915 געקענט בלויז לאַקאָניש מעלדן אונטער דעם גאָרנישט זאָגנדיקן טיטל „יידן אין מאָגעלניצע": ווי „בירזשעוויאַ וויעדאָמאָסטי" (אַ ליבעראַלע טאָגצייטונג אין פּעטערבורג) שרייבט

„האָט מען פון מאָגעלניצע אַרויסגעשיקט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג, לערך 5,000 פערזאָן. עס איז זיי געגעבן געוואָרן אַ קורצער טערמין צו ליקווידירן זייערע געשעפטן״.

נישט זעלטן איז די פרעסע געווען געצווונגען צו שרייבן אַבסורדן. אַזוי לייענען מיר אונטער דעם קעפל „אַן עראָפּלאַן אין וואַרשע״ אין „היינט״ פון מיטוואָך, דעם 28סטן יוני 1915: „,,וואַרשאַווסקאַיאַ מיסל״ דערציילט, אַז פאַריקן זונטיק, 5 אַ זייגער בייטאָג, האָט זיך אין וואַרשע באַוויזן אַ דייטשישער עראָפּלאַן. מען האָט אים באַגעגנט מיט אַ שיסעריי, צוליב וואָס ער האָט זיך אויסגעדרייט צוריק און פאַרשווונדן געוואָרן. צו יענער תקופה געהערט אויך אַ נאָטיץ אין „היינט״, אַז ווי „קוריער וואַרשאַווסקי״ האָט געמאָלדן, האָט נעכטן אין וואַרשע גערעגנט.*

אַ שטיקל אַנדייטונג וועגן די יידישע יסורים זיינען געווען די לאַנגע רשימות פון די אַרטיקע קאָמיטעטן, וואָס האָבן געזוכט די יידן, וואָס זיינען „אָפּגעשטאַנען אויפן וועג, אַרויספאַרנדיק פון דער היים״ און די אויפרופן צו העלפן די „ביעזשענ־צעס״ (היימלאָזע). דער ערשטער אַרטיקל, וואָס ש. י. יאַצקאַן האָט געשריבן נאָכן אויסבראָך פון דער מלחמה, איז געווען וועגן הילף פאַר די קאַלישער יידן. באַלד ווי די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן האָבן די דייטשן פאַרנומען די שטאָט, וואָס איז געלעגן אויף דער רוסיש־דייטשישער גרענעץ. איידער דאָס רוסישע מיליטער האָט זיי באַוויזן אַרויסצושטויסן, האָבן די דייטשן געמאַכט אַ פּאָגראָם און צעראַבירט אַ סך יידן.

קנאַפּע דריי וואָכן איידער די רוסן האָבן עוואַקוירט וואַרשע, דעם 18טן יולי 1915, איז „היינט״, ווי איבעריקנס די אַנדערע יידישע צייטונגען פאַרמאַכט געוואָרן נאָכן אָפּדרוקן דעם נומער 153. דער נומער 154 איז דערשינען דעם 6־טן אויגוסט, צו מאָרגנס נאָך דעם, ווי די דייטשן האָבן פאַרנומען די שטאָט. די לאַגע פון דער צייטונג האָט זיך אָבער ווייניק געענדערט. דער פאַרקער מיט די לייענערס אויף דער פּראָווינץ איז געווען באַשווערט אַזוי ווי פאַר די רוסישע צייטן. אַנשטאָט דעם רוסישן צענזאָר איז געקומען דער דייטשישער און ער האָט נישט דערלויבט צו דרוקן דעם אמת וועגן דעם קאַטאַסטראָפאַלן הונגער און די עפּידעמישע קראַנקייטן, פון וועלכע די באַפעלקערונג האָט געליטן אונטער זייער אָקופּאַציע. יעדעס שטיקל נייעס, יעדן אַרטיקל און נאָטיץ האָט מען געמוזט טראָגן אין צענזור צו „גענעמיגן״ פאַרן דרוקן און טאָמער האָט מען געפּרווט עפּעס דרוקן אָן דער דערלויבעניש פון דער צענזור, האָט מען געהאָט אויסצושטיין דערפאַר גרויסע צרות. די צייטונג איז נישט געוואָרן קאָנ־

---

* אַ נישט אין גאַנצן פּינקטלעכע ווערסיע וועגן דער נאָטיץ האָט ב. שעפנער געדרוקט אין „פאָרווערטס״ דעם 1טן פעברואַר 1970.

פּיסקירט, אָבער די הויכע געלטשטראָפֿן האָבן לײדיק געמאַכט די קאַסע, וואָס איז געווען גאַנץ אָרעם אין יענע צײַטן. נחמיה פינקעלשטײן האָט געהאַט אין זײַן אַרכיוו אַ היפּש פּעקל דײַטשישע שטראָפֿצעטלען, וואָס האָבן עדות געזאָגט ווי די שטראָפֿן זײַנען כּסדר געוואַקסן.

אָפֿיציעלע דאָקומענטן באַווײַזן, אַז נאָך אין אַפּריל 1915, אַלזאָ אַן ערך פֿינף חדשים אײדער זײ זײַנען אַרײַן קײן וואַרשע, זײַנען שוין דײַטשישע הויכע באַאַמטע, אײַנשליסלעך מיט דעם אויבערשטן מיליטערישן קאָמאַנדיר, מאַרשאַל פּאַול פֿאָן הינדענבורג (1847—1934), געווען אינפֿאָרמירט וועגן „הײנט" און וואָס די צײַטונג האָט געשריבן וועגן פּאָגראָם אין קאַליש, וואָס דאָס דײַטשישע מיליטער האָט דאָרט געמאַכט. ישעיה אוגער האָט וועגן דעם געשריבן אין זײַנע זכרונות, וואָס דער לײענער וועט געפֿינען אין צווײטן טײל.

דערפֿאַר האָט מען געקענט פֿרײַ שרײַבן וועגן די רציחות, וואָס די רוסן האָבן אָנגעטאָן די ייִדן אײדער זײ זײַנען פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון פּוילן. יעקבֿ פֿאַט (1890—1966) האָט געדרוקט אין „הײנט" אַ סעריע אַרטיקלען וועגן גירוש פֿון ייִדן, וואָס די רוסן האָבן אַרויסגעטריבן פֿון זײערע הײמען. דער ערשטער אַרטיקל איז געווען געדרוקט דעם 21סטן סעפּטעמבער 1915 אונטערן נאָמען „מיט אַ צוג פֿון פֿאַרוואָגלטע טויזנט מיט צוויי ייִדן". פֿאַט האָט שפּעטער אָפּט געשריבן פֿאַרן „הײנט", אָבער, ווען ער האָט אין 1919 אָנגעהויבן צו שרײַבן פֿאַר דער בונדישער פּרעסע, פֿלעגט ער אַטאַקירן דעם „הײנט" און פֿאַרביסן פּאָלעמיזירן וועגן דער ייִדישער לאַנד־פּאָליטיק און ציוניסטישע פּראָבלעמען.

די דײַטשישע אָקופּאַציע־מאַכט האָט געגעבן די פּאָליאַקן פּאָליטישע הבטחות לכּשירחיבֿ, אָבער דערווײַל איז געווען שלעכט. דער אָקופּאַנט האָט אויסגערויבט דאָס לאַנד, די באַפֿעלקערונג האָט געהונגערט.

די ייִדישע געזעלשאַפֿט איז געבליבן גאַנץ קאַלט צו די חנדלעך, וואָס די דײַטשן האָבן גענומען מאַכן צו די ייִדן. די ייִדישע פֿירערס האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז די כּוונה פֿון די אָקופּאַנטן איז געווען אַריבערצוציִען די ייִדן אויף זײער זײַט ווי אַ ווערקצײַג קעגן די פּאָליאַקן און זײ האָבן זיך נישט געלאָזט אויסניצן. עס איז פֿאַר זײ געווען קלאָר, אַז ייִדן דאַרפֿן נישט צולײגן קײן האַנט צו קײן שום זאַך, וואָס קען אויסגעניצט ווערן ווי אַ שטערונג פֿאַר די פּוילישע מלוכה־אַספּיראַציעס. נאָך דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע האָבן זיך די ציוניסטן אָריענטירט אויפֿן נצחון פֿון די קאָאַליציע־מלוכות און זיך בכלל נישט באַטײליקט אין די פּאָליטישע אונטערהאַנדלונגען מיט דער דײַטשישער מאַכט אין וואַרשע. נאָר די אומבאַדײַטנדיקע גרופּע „פּאָלקיסטן", וואָס איז אַנטשטאַנען בעת דער אָקופּאַציע, איז מיטגעגאַנגען מיט די אָקופּאַנטן, גלויבנדיק, אַז זײ וועלן געבן די ייִדן אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע אין פּוילן. זײ האָבן נישט פֿאַרשטאַנען, אַז די פּאָליאַקן וועלן דערויף נישט מסכּים זײַן און די דײַטשן וועלן זיך מיט זײ נישט אײַנרײַסן לטובֿת די ייִדן.

דעם 26סטן אָקטאָבער 1916 האָבן די „פּאָלקיסטן" אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ טאָגצייטונג אונטערן נאָמען „וואַרשעווער טאָגבלאַט". דער רעדאַקטאָר איז געווען לאַזאַר קאַהאַן (1885—1946), אַרטיקלען האָבן געשריבן ה. ד. נאָמבערג (1876—1927) און נח פּרילוצקי, (1882—1941). אַלע דריי זיינען געווען פירערס פון דער „פּאָלקיסטישער" פּאַרטיי. געלט פאַר דער צייטונג האָבן געגעבן די דייטשן.

עס האָט לאַנג נישט גענומען און די אָקופּאַציע-מאַכט האָט זיך אַריענטירט, אַז די „פּאָלקיסטן" זיינען נישט פאַר זיי די קליענטן, וואָס זיי האָבן געדאַרפט. זיי האָבן נישט געהאַט קיין אָנזען אין דער יידישער געזעלשאַפט און נישט קיין נאָכפאָלגערס. זוכנדיק אַנדערע יידישע פאַרבינדעטע, האָבן די דייטשן געוואָרפן אַן אויג אויף דער חסידישער מאַסע, וואָס איז נישט געווען אָרגאַניזירט אין אַ פּאַרטיי, נאָר בלינד נאָכגעגאַנגען די רבנים און רביים און געטאָן וואָס זיי האָבן געהייסן. צו אָרגאַניזירן די חסידישע יידן פאַר זייער צוועק האָבן די דייטשן גענומען צו הילף די אַרמיי-ראַבינערס ד"ר פּנחס קאַהן (1867—1942) און ד"ר עמנואל קאַרלעבאַך (1874—1927) (אַ פעטער פון דעם שפּעטערדיקן „היינט"-מיטאַרבעטער ד"ר עזריאל קאַרלעבאַך), צוויי פאַנאַטיש-פרומע יידן פון דעם שניט פון די פראַנקפורטער גאָטפאַרכטיקע אָרטאָדאָקסן. די ראַבינערס האָבן זיך צוזאַמענגערעדט מיט אייניקע רביים און רבנים און געשאַפן די „אגודת האורטודוקסים", די „אגודה", ווי מ'האָט זי גערופן, וואָס האָט געאַרבעט יד-אחת מיט די אָקופּאַנטן. די ראַבינערס איז נישט געווען שווער צו קריגן געלט פאַר דער „אגודה"צייטונג „דאָס יודישע וואָרט". די „פּאָלקיסטן" זיינען מער נישט געווען נייטיק, די דייטשן האָבן אָפּגעשטעלט די סובסידיע און די צייטונג איז אונטערגעגאַנגען.

„דאָס יודישע וואָרט" איז פול געווען מיט שקרים, רכילות און בילבולים קעגן ציוניזם און ציוניסטן, וואָס די „תורה-טרייע" צייטונג האָט געדרוקט מיט דער הילף פון געדונגענע פעדערס (זע קאַפּיטל 9). „היינט" האָט אָפּגעשלאָגן די אַנטי-ציוניסטישע אַטאַקעס און דעמאַסקירט די ראַבינערס, וואָס זיינען געשטאַנען הינטער דער קאַמפּאַניע.

אויפן געביט פון די פויליש-יידישע באַציִונגען פון יענער תקופה איז די אויפגאַבע פון „היינט" נישט געווען קיין לייכטע. אין 1916 זיינען אין וואַרשע פאָרגעקומען וואַלן צום שטאָטראַט. צום ערשטן מאָל זינט זיי האָבן פאַרלוירן זייער אומאָפּהענגיקייט האָבן די פּאָליאַקן באַקומען אַ מעגלעכקייט צו קלייבן אַן אייגענע רעפּרעזענטאַנץ. די וואַלן צום שטאָטראַט זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאָליטישן אַקט פון פּוילישן פאָלק אויפן וועג צו דער צוקונפטיקער פּוילישער מלוכה. אין די וואַל-פּלאַטפאָרמעס פון די פּאַרטייען האָט מען מער גערעדט וועגן פּאָליטישע פּראָגראַמען אין מלוכה-פאַרנעם, ווי וועגן דער פּראַקטישער אַרבעט פון וואַרשעווער מאַגיסטראַט. די וואַלן צום שטאָטראַט זיינען

געווארן א סימבאל פון קאמף פאר דער פוילישער אומאפהענגיקייט און די פוילישע פאליטיקערס האבן געמאכט גרויסע אנשטרענגונגען צו דערגרייכן א סאלידארישע שטעלונג פון דער גאנצער באפעלקערונג אין דער הויפטשטאט פון דער צוקונפטיקער פוילישער מלוכה.

די יידישע פירערס האבן זיך סאלידאריזירט מיט די פאליאקן. זיי האבן געוואלט פארגעסן די נאכוויייענישן פון די יאגעלא־וואלן און מסכים געווען אויף א וואל־פארשטענדיקונג מיט די פוילישע פארטייען. מפני דרכי־שלום זיינען די יידן געגאנגען אויף קאמפראמיסן און די „קאנסאלידאציע", ווי דער וואל־אפמאך איז גערופן געווארן, איז נישט אויסגעפאלן באזונדער גינסטיק פארן יידישן צד. די יידן איז נישט צוגעטיילט געווארן די צאל מאנדאטן, וואס איז אויסגעפאלן אויף זייער חלק לויט דעם פראצענט פון דער יידישער באפעלקערונג אין ווארשע און זיי האבן אויך גענומען אויף זיך געוויסע התחייבותן וועגן דער יידישער פאליטיק אין שטאטראט. די „פאלקיסטן" האבן נישט געהערט צו דער „קאנסאלידאציע" און געפירט א טומלדיקע וואל־קאמפאניע. נח פרילוצקי איז געווילט געווארן צוזאמען מיט נאך דריי „פאלקיסטן" טראץ דעם, וואס „היינט" האט זיי באקעמפט פאר צעברעכן דעם יידישן אחדות.

נישט געקוקט אויף דעם באיקאט און דער פארביסענער אנטיסעמיטישער אגיטאציע האט זיך „היינט" ארויסגעזאגט פאר דער „קאנסאלידאציע", אבער עס איז געווען קענטיק פון דער רעאקציע פון די לייענערס, אז די צייטונג האט נישט באוויזן אויפצוקלערן די מאטיוון, וואס האבן בארעכטיקט דעם וואל־אפמאך מיט די פאליאקן. אין שטאטראט האבן די יידישע ראטמענער געפירט א מעסיקע פאליטיק, איינשטימיק מיט דעם אפמאך, און „היינט" האט זיי געשטיצט אויך אין דער הינזיכט. די לייענערס האבן דאס נישט געקענט תופס זיין און דער פרעסטיזש פון דער צייטונג האט געליטן.

דערווייל האבן די פראנקפורטער ראבינערס געזוכט מיטלען ווי אזוי צו פארשטארקן די השפעה פון די חסידים. אויף זייער איניציאטיוו האט ד"ר לודוויג האאס (1875—1930), דער לייטער פון דער יידישער אפטיילונג אין דער אדמיניסטראציע פון דייטש־אקופירטן פוילן, אויסגעארבעט א קהילה־סטאטוט, וואס האט אויסגעליפערט די יידישע קהילות אין די הענט פון די חסידים און זייערע פארבינדעטע, די אסימילאטארן. דער סטאטוט האט באגרענעצט די קאמ־פעטענץ פון די קהילה־פארוואלטונגען בלויז צו רעליגיעזע ענינים. אויף וועלט־לעכע, אדער קולטורעלע באדערפענישן, חוץ חדרים, רעליגיעזע שולן און האנט־ווערקער־קורסן, האבן די קהילות נישט געקענט באשטימען קיין פאנדן פון זייערע בודזשעטן. די פוילישע מאכט האט שפעטער איבערגענומען פון די אקו־פאנטן דעם פרינציפ פון רעליגיעזע קהילות, ווען זי האט באשטימט איר אייגענעם סטאטוט. די וואלן צו די קהילה ראטן האבן געדארפט זיין אויף דעמאקראטישע יסודות, די רעגירונג האט אבער פארזיכערט פאר זיך די קאנטראל פון די

בודזשעטן, וואָס זיינען אין עצם געווען באַגרענעצט צו רעליגיעזע הצטרכותן.

צו יענער צייט איז קיין ווארשע געקומען אַ שליח פון בערלין אויסצופאָרשן די שטימונגען ביי יידן. דער שליח איז געווען אַ יונגיטשקער בחורל פון אַ יאָר צוואַנציק. זיין נאָמען איז געווען נחום גאָלדמאַן (1895 —). מען האָט דערציילט, אַז ער איז אַ ציוניסט, רעדט אַ געשמאַקן ידיש, אַז ער שטייט איין ביי זיין אַנקל, דעם מחבר אברהם־לייב שאַלקאָוויטש (בן־אביגדור, 1866—1921), אייגנטימער פון פאַרלאַג „תושיה". ער איז אויך געווען אַן אָפטער אַריינגייער אין הויז פון אַן אַנדער אַנקל, שמואל־לייב גאָרדאָן (של"ג, 1865—1933), אַ באַוווסטער העברעיִשער שרייבער און אייגנטימער פון דעם ערשטן און אַ לאַנגע צייט דעם איינציקן אין ווארשע חדר־מתוקן, ווו מען האָט געלערנט עברית בעברית און דערצו נאָך אין דער ספרדישער הברה — אַ גרויסער חידוש פאַר יענע יאָרן (פרומע יידן האָבן אין דעם טיפּ חדר געזען אַ סכּנה פאַרן דת און גערופן אַזאַ שול „חדר מסוכּן").

די שטוב פון דער גאָרדאָן־משפחה איז געווען באַקאַנט ווי די איינציקע אין ווארשע ווו מ'האָט בישט גערעדט קיין אַנדער שפּראַך ווי נאָר העברעיִש — אויך מיט דער דינסט. דאָס האָט שטרענג אָפּגעהיט די באַלעבאָסטע, פרוי מלכה גאָרדאָן, שוועסטער פון פּאָעט יהואש. די קינדער האָבן באַלאַנגט צו דער סטודענטישער גרופּע „ירדניה" און זיינען געווען אַקטיוו אין „מרכז הציונים", ווו עס האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס ציוניסטישע לעבן אין ווארשע (זע קאַפּיטל 10). דער עלטערער זון, משה, איז שפּעטער געווען דירעקטאָר פון מוסד ביאַליק אין ירושלים.

די פראַנקפורטער ראַבינערס זיינען געווען פונקציאָנאַרן („באַראַטערס" פאַר ידישע ענינים) פון דער מיליטערישער אָקופּאַציע־מאַכט אין ווארשע, אָבער די צענטראַלע ציווילע רעגירונג אין בערלין האָט געוואָלט האָבן אַן אייגענעם באַריכט וועגן די פאַרהעלטענישן אין פּוילן און נחום גאָלדמאַן, וואָס איז טראָץ זיין יונגן עלטער געווען דער לייטער פון דער אָפּטיילונג פאַר ידישע ענינים אין דייטשישן אויסערן־מיניסטעריום, איז דעלעגירט געוואָרן צו ברענגען אַ באַריכט וועגן די שטימונגען ביי יידן. אין ווארשע האָט ער זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די ציוניסטישע פירערס און זיי אינפאָרמירט וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטישער לאַגע ווי מ'האָט זי געזען אין בערלין און וועגן די פּלענער, וואָס די דייטשישע רעגירונג האָט פאַר פּוילן. די שרייבערס פון „היינט" פּלעגן זיך באַטייליקן אין די צוזאַמענטרעפן מיט גאָלדמאַנען און פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן זיין נאָענטע פאַרבינדונג מיט דער צייטונג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן סוף פון איר עקזיסטענץ. אין 1938 איז נחום גאָלדמאַן געווען אַ מיטגליד פון ערן־פּרעזידיום פון קאָמיטעט צו פייערן דעם 30־יאָריקן יובילײ פון „היינט".